# קאַלטע וויסנשאַפֿט

בעריש גאָלדשטיין

חודש פֿעברואַר, 2005, בין איך געפֿאָרן קיין טשויטשיל, מאַניטאָבע, אויף צפֿון אין קאַנאַדע, ווי אַ וואָלונטיר מיט אַן ערדוואַך[א]־עקספּעדיציע צו מעסטן אַלערליי אַספּעקטן פֿונעם שניי בײַ עטלעכע ערטער דאָרט: אויף דער אָפֿענער טונדרע, אין פֿאַרפֿרוירענע זומפּן, אין וועלדער, געזונטע און פֿאַרברענטע, אאַז"וו. טשויטשיל איז גאָר אַן אינטערעסאַנטער אָרט אין דעם פּרט, מחמת דאָס שטעטל (אפֿשר 1000 אין באַפֿעלקערונג) געפֿינט זיך פּונקט אויפֿן גרענעץ פֿון וועלדער און טונדרע. אויף דרום רופֿם מען דעם געגנט "דאָס לאַנד פֿון די קליינע שטעקנס".



**דאָס לאַנד פֿון די קליינע שטעקנס**

וויסנשאַפֿטלעך גערעדט איז דער ציל געווען צונויפֿזאַמלען דאַטן וועגן הײַנטיקע באַדינגען מיט אַן אויג אויף דער אַנומלטיקער און קומעדיקער וועלט־וואַרעמונג. פּערזענלעך גערעדט האָב איך געוואָלט פּרוּוון לעבן און

אַרבעטן אין אַזעלכע באַדינגען: קעלט, ווינט, זון, זאַווערוכעס. צום גליק וועלן מיר וווינען אין אַן אמתן בנין (אַ באַהייצטן, אַחוץ אַ צימער אָדער אַ קאָרידאָר דאָ און דאָרט), ניט אין קיין געצעלטן. אונטן זײַנען דאָ אויסצוגן פֿון מײַן טאָגביכל בשעת דער נסיעה.

***

<u>די לעצטע דרײַ טעג</u>

איך הייב אָן מיטן סוף ווײַל ס'איז געווען אַן אומבאַקוועם שטיקל צײַט, וויל איך דערוועגן שוין דערציילן און אים פֿאַרגעסן, ס'זאָל ניט קאַליע מאַכן די גאַנצע נסיעה. דעם צווייטן אינדערפֿרי אויף דער באַן האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט, זיך אָנגעטאָן, און אַרײַנגעגאַנגען אין עסוואַגאָן אויף פֿרישטיק. אָבער די ליכט זײַנען פּלוצעם אויסגעגאַנגען. אָנגעצונדן, אויסגעגאַנגען, עטלעכע מאָל. דער לאָקאָמאָטיוו האָט קוים דערגרייכט דאָס בײַגערעלס לעבן אַ סטאַנציע (מיר זײַנען שוין אָנגעקומען אויף דרום, אין מיטן גאָר פּלאַטשיקע פֿערמעס, מער ניט אין דער צפֿונדיקער ווילדעניש), אַ פֿיר שעה ווײַט פֿון וויניפּעג (און מײַן אָפּפֿלי – דרײַ אַ זייגער נאָכמיטאָג). דער לאָקאָמאָטיוו איז אַ טויטער. ס'האָט געדויערט כמעט צוויי שעה ביז מע האָט פֿאַר אונדז געפֿונען אַן אויטאָבוס, וואָס זאָל ווײַטער פֿאָרן אין אַ מזלדיקער שעה.

ס'איז גוט געגאַנגען, זײַנען מיר אָנגעקומען אינעם וויניפּעג־אַעראָפּאָרט פֿאַר דער צײַט פֿון מײַן אָפּפֿלי. אָבער איך האָב אויף זיך געבעטן אַ בייז־אויג, געזאָגט בײַם געזעגענען זיך מיט די מיטפֿאָרערס, "אַז דער סוף איז גוט, איז אַלץ גוט." צוליב שניי־שטורעמס (איך ווייס ניט ווו) פֿליִען ניט אָפּ קיין אַעראָפּלאַנען, מוז איך וואַרטן ביז מאָרגן און איבערנעכטיקן אין אַבי אַ האָטעל לעבן דעם אַעראָפּאָרט (ווײַזט זיך אַרויס לעבן דעם אָרט וווּ מע פּרוּווט אויס די דזשעטן פֿיר אַ זייגער אין דער פֿרי). אויף מאָרגן איז כמעט די זעלבע מעשׂה, האָב איך זיך "געשלעפּט" אין מאָנטרעאַל אָבער ניט געקענט ווײַטער פֿאָרן. נאָך אַן אַעראָפּאָרט־האָטעל, און אַ צעמיש מיט דער אימיגראַציע, ווײַל מע קומט אָן אין די "פֿאַראייניקטע שטאַטן" דאָרט אין מאָנטרעאַל. צום גליק האָב איך געהאַט גענוג ביכער צו לייענען, נאָר די קליידער זײַנען אַ ביסל "אַלט" געוואָרן.

בקיצור, בין איך ערשט אָנגעקומען אין דער היים נאָך דרײַ טעג, וואָס דאָס האָט געזאָלט געדויערן אפֿשר אַ פֿינף שעה דעם ערשטן טאָג. פֿאָרן מיטן אַעראָפּלאַן טויג אויף כּפּרות. פֿע!

נו, גוט, איז מיר לײַכטער אויפֿן האַרצן.

***

<u>שבת – ערבֿ נסיעה</u>

מאָרגן זייער פֿרי אין דער פֿרי וועט קומען דער פּאָמפּעדיקל־בוס נעמען מיך אינעם אַעראָפּאָרט. איך האָב אַלץ אײַנגעפּאַקט אין איין וועגלאַנטעך צוזאַמען מיט אַ רוקנזעקל מיט ביכער, אַ טייל פֿון די וואַרעמע קליידער, און דעם נעסעסער. האָב איך גערעדט מיט די קינדער, זיך געזעגנט; זיך דורכגעשמועסט וועגן וויכטיקע זאַכן מיטן אייניקל רבֿקהלע. איצט קומט אַ נאַכט כמעט אָן שלאָפֿן – ס'איז ניט צו פֿאַרמײַדן. טראַכט איך אָבער און ווידער, "וואָס האָב איך פֿאַרגעסן? וועלן די הויזן טויגן אין אַזאַ קעלט? ווי קאַלט וועט זײַן טאַקע?" און די געפֿערלעכע פֿראַגע, "אויף וואָס האָב איך זיך פֿאַרשריבן? ס'וועט זײַן שווער, קאַלט, אומבאַקוועם, ווייס איך וואָס." אָבער איך ווייס שוין זיך צוצוהערן צו דער דאָזיקער פֿראַגע ווי דעם קאָטער. נו, לייג איך זיך אַוועק, צי שלאָפֿן, צי ניט.

<u>זונטיק-מאָנטיק – פֿאָרן</u>

אָפּגעפֿלויגן קיין וויניפּעג אין דער פֿרי, ס'איז טאַקע גלאַט געגאַנגען, וועל איך שווײַגן וועגן די שׂימחות פֿון פֿאָרן מיטן אַעראָפּלאַן. נאָענט צו וויניפּעג זעט מען נאָר ווײַסע קוואַדראַטן, שניי־באַדעקטע פֿערמעס. אָנגעקומען אין וויניפּעג, האָב איך נאָך אַ מאָל געהאַט דאָס מאָדנע געפֿיל, אַז איך בין דאָ אין אַ פֿרעמד לאַנד, דאַרפֿן די היגע לײַט רעדן עפּעס אַ פֿרעמד לשון. וואָס פֿאַר אַ לשון, ווייס איך ניט. (אין מאָנטרעאַל איז טאַקע אַזוי.)

מיטן טאַקסי צום וואָקזאַל; געגעסן אָנבײַסן אינעם נאָענטן מאַרק, "די גאָפּלען", און געגאַנגען דאָ און דאָרט אַ ווײַלע, אָבער ס'איז געווען גאָר אַ גרויער טאָג, ניט צו קאַלט אָבער אַ פּאַטשקערײַ פֿון אײַזיקע קאַלוזשעס; בין איך צוריק אין דער סטאַנציע, לייענען און וואַרטן.

צען אַ זייגער בײַ נאַכט, בין איך שוין אינעם באַנבעטל, איבערגעמאַכט פֿון די בענק. זייער באַקוועם, אַפֿילו אַ שפּריץ. איך האָב ליב דאָס "קליקיטי־קלאַק" פֿון די רעדער אויף די רעלסן, און ווי עס וויגט זיך, דער וואַגאָן, ווי אין אַ שיפֿל אויפֿן ים (אָבער זיכער און טרוקן).

גוט געשלאָפֿן, האָב איך זיך פֿרי אויפֿגעכאַפּט, געגעסן פֿרישטיק אינעם עסוואַגאָן בעשת די באַנלײַט האָבן ווידער געמאַכט בענק פֿון די געלעגערס. אַ זוניקער טאָג נאָענט צום צפֿונדיקן גרענעץ פֿון פֿערמעס. ס'זײַנען דאָ אפֿשר אַנדערטהאַלבן טוץ מענטשן אויף דער באַן פֿאָרנדיק קיין טשויטשיל, און אַנדערע

קומען און גייען בײַ די פּאָר סטאַנציעס אויפֿן וועג. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט בײַם פֿענצטער אין עסוואַגאָן בײַ אַ פֿרײַען טיש, מיט אַ פּאָר ביכער און דעם העפֿטל. אין אַ קליין וועלדל האָב איך דערזען אַ קליינע קו־מוס און אין אַ פֿעלד – צוויי זייער קליינע הירשן. אין נאָך אַ פֿעלד האָבן מיר באַמערקט אַ סך נידעריקע, פּראָסטע הײַזקעלעך, האָבן מיר ניט געקענט טרעפֿן וואָס זיי זײַנען. נאָך אַ סך נאַרישע פֿירלייגן, האָבן מיר געפֿרעגט בײַ דער קאָנדוקטאָרשע: זיי זײַנען בינשטאָקן, באַשיצט קעגן דער קעלט.

די רעלסן פֿירן דורך וועלדער, שוואַרצע און ווײַסע טענענביימער און אויך בערעזעס און דעליקאַטע לערכנביימער. לענג־אויס דער באַן־פּאָליאַנע זעט מען אומעטום חיה־שפּורן, גרויסע פֿון מוס און גאָר אַ סך קלענערע וואָס זיי פֿירן פֿון איין קוסט צום צווייטן: פֿון שנייהינער וואָס עסן די קנאָספּן. פֿון צייט צו צײַט פֿאָרן מיר דורך אַ פּאָר מײַלן פֿאַרברענטע וועלדער, שוואַרצע דינע שטאַמען מיט קליינע גרינע ביימעלעך אַפֿערשטאַרצנדיק דורכן שניי. אַ דרײַ, פֿיר גרויסע וואָראָנעס שוועבן אין דער לופֿטן איבער די וועלדער, פֿון צײַט צו צײַט "אָנפֿאַלנדיק" איינער אויפֿן צווייטן. אַלע דרײַסיק יאָרדן דורכן גאַנצן וועג זעט מען דרײַפֿוסן וואָס אַ מאָל האָבן זיי געהאַלטן טעלעפֿאָן־דראָטן; מער ניט קיין דראָטן: הײַנט איז דאָס שוין בעסער געמאַכט דורך סאַטעליטן. די דרײַפֿוסן פֿאַלן אַראָפּ אָדער זינקען אַלץ טיפֿער אינעם זומפּיקער פֿאַרפֿרוירענער ערד.

בײַ צוויי סטאַנציעס, ווו די באַן שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע בין איך אַראָפּ אויפֿן פּעראָן אויסציִען די ביינער. אפֿשר 5° פֿ. ניט שלעכט, נאָר גאָרנישט אַזוי קאַלט ווי ס'וועט זײַן ...

<u>דינסטיק – אָנקומען אין טשויטשיל'</u>

ווער וואָלט דאָס געגלייבט? די באַן איז אָנגעקומען אין שטעטל פּונקט צו דער צײַט. אַ ביסל קאַלט (15°- פֿ.), מיט אַ בײַסנדיקן ווינט, וואָס איז באַזונדערש סכּנהדיק אין אַזאַ קעלט, בעת איך גיי די צוויי בלאָקן פֿון סטאַנציע אין האָטעל.

כ'האָב זיך וואַרעם אָנגעטאָן און געגאַנגען דאָ און דאָרט אַ שעה. די שוואַרצע וואָראָנעס וואַרפֿן זיך אין די אויגן אַנטקעגן דעם העל ווײַסן שניי. אַרײַנגעקוקט אין אַ קראָם מיט קליידער, שניצערײַ, צייכענונגען, וואָס איר ווילט; איך דאַרף קויפֿן עטלעכע מתּנות אָבער ס'קען וואַרטן ביז די לעצטע טעג איידער איך פֿאָר אַהיים. דער מוזיי, וואָס זאָל זײַן אַ פֿײַנער, עפֿנט זיך ערשט נאָך מיטאָג, וועל איך דאָס טאָן אויך בײַם סוף נסיעה. דער מוח איז אין גאַנצן פֿאַרנומען מיט מאָרגן און "אויף וואָס האָב איך זיך פֿאַרשריבן?", בין איך צוריק אינעם האָטעל, געגעסן אַ

שטיקל אָנבײַסן אינעם רעסטאָראַן און צוריק אין צימער, געלייענט אַ ווײַלע און געכאַפּט אַ דרעמל. שפּעטער – געגעסן וואַרמעס (רעניפּער־סטייק) אינעם "צעגײַנער־בעקערײַ־און־רעסטאָראַן", זייער באַקוועם, נאָענט צום האָטעל. מאָרגן, האַלב עלף, קומט עמעצער פֿונעם צענטער מיך צו פֿירן אַהין. אין אַ מזלדיקער שעה.

<u>מיטוואָך – אָנקומען אינעם פֿאָרשונג־צענטער</u>[7]

פֿרישטיק און וואַרטן אויף אַ ווײַלע. האַלב עלף קומט אָן העטער, מײַן שאָפֿערשע. אַלצדינג גייט אויף "אַרקטישער צײַט" וואָס איז ייִדישע צײַט אַ קרובֿ. האָבן מיר געטרונקען קאַווע אינעם "צעגײַנער", געקויפֿן אַ ביסל בראָנפֿן, און אָפּגעפֿאָרן. דער צענטער געפֿינט זיך זעקס מײַל אויף מיזרח פֿון שטעטל, האָבן מיר זיך געטראָפֿן מיט פֿעליקסן, אויך אַ וואָלונטיר, בײַם אַעראָפּאָרט. דער וועג פֿירט לענג־אויס דעם ברעג פֿון דער הודסאָן־בוכטע: ריזיק, פֿלאַך, פֿאַרפֿרוירן און באַדעקט מיט בלישטשענדיק ווײַסן געבלאָזענעם האַרטן שניי, אומעטום שטרויכלדיק ווו דער אײַז האָט זיך צעבראָכן און ווידער פֿאַרפֿרוירן געוואָרן.



**הודסאָן־בוכטע**

עטלעכע פֿון די וואָלונטירן קומען אָן ערשט אויפֿן אָוונטפֿלי; ביז אַ צונויפֿקום שפּעטער אין אָוונט איז אַלץ אומפֿאָרמעל, וואָס איר ווילט. דער צענטער איז דער אָנפֿירונג־בנין פֿון אַן אַמאָליקער מעטעאָראָלאָגישער ראַקעטערײַ, מיט אַ קיך/עסצימער, ביבליאָטעק/לייען־צימער, לאַבאָראַטאָריעס (אַ קאַלט־צימער בתוכם), קלאַסצימערן, און אַן אינטערנאַט. צווישן דעם אינטערנאַט און די אַנדערע טיילן פֿירט דער אַזוי גערופֿענער "אַרקטיק־קאָרידאָר", אומבאַהייצט; אַז מע גייט פֿון בעט צו עסן פֿרישטיק, ווערט מען תּיכּף אין גאַנצן אויסגעטשוכעט.

דרײַ אַ זייגער בין איך מיטן הויפּט־פֿאָרשער, פּיט, געגאַנגען אויף אַ פּראָבע־שפּאַציר אויף אַ שעה אַרום די חורבֿות פֿון דער ראַקעטערײַ. איך בין ניט זיכער אָבער איך מיין, אַז מײַנע אייגענע קליידער וועלן טויגן, וועל איך ניט דאַרפֿן דינגען נאָך קליידער פֿון דער קראָם אין שטעטל. אַוועק פֿון די בנינים, אונטערן פֿרײַען הימל, ווו ס'בלאָזט זיך דער ווינט, איז דאָס גיין גרינג, אויפֿן האַרט געפּאַקטן שניי, נאָר ווו נאָר ס'געפֿינט זיך אַן אָפּדאַך (געוויינטלעך אין וועלדעלעך פֿון קליינע טענענביימער) איז דער שניי טיפֿער און אַ ביסל ווייכער, איז דאָס גיין שווער. צום גליק קען איך גוט גענוג זען אָן די ברילן, ווײַל מיטן באַלאַקלאַוואַ" איבערן פּנים ווערן תּיכּף פֿאַרנעפּלט און באַדעקט מיט אײַז די ברילן צי די קוקערס.

אַלע שקלאַפֿן (ד"ה וואָלונטירן) זײַנען אָנגעקומען פֿאַר דער וועטשערע, און דערנאָך האָבן מיר זיך באַקענט. זייער אײַנגענעם. איך האָב זיך באַמיט צו געדענקען די אַלע נעמען'. מאָרגן וועט זײַן דער "וואָס און ווו און ווי טוט מען די אַרבעט"-לעקציע און מאָרגן נאָך מיטאָג וועלן מיר אָנהייבן מיט דער אמתער אַרבעט. נו, גוט, בין איך בטבֿע ניט איינער פֿון זיי וואָס שפּרינגען גלײַך אַרײַן אין טיפֿן וואַסער.

און אַזוי אין בעט. איצט אַ שטיקל דראַמע. די שלאָפֿצימערן, פֿאַרשטייט זיך, האָבן שלאָפֿבענק, איז מײַן מיטוווינער עדווין, וואָס דעם גאַנצן אָוונט האָט ער זיך פֿאַרהוסט ("גאָרנישט אָנשטעקיק" האָט ער אונדז באַרויִקט). דערצו האָט ער מיר דערציילט, אַז ער שנאָרכצט, "אָבער איך האָב אַ מאַשינקע וואָס פֿאַרמײַדט דאָס." ער האָט עפּעס און איך האָב מורא. לייג איך זיך אַוועק און הער זיך צו צו דער מאַשינקע וואָס זשומעט אויף אַ קול, און אַנשטאָט שנאָרכצן גיט ער אַ פּרײַך מיט יעדן אָטעם. און הוסטן, און ... קוים האָב איך אויסגעהאַלטן אַ צען מינוט, בין איך אַוועק אין אַ צווייטן צימער. מוז ער דווקא פֿאַרשטיין, האַלטן דאָס ניט פֿאַר קיין באַליידיקונג. צום גליק זײַנען דאָ ווינטערצײַט אַ סך ליידיקע צימערן, וועל איך מאָרגן זיך איבערציִען.

דאָנערשטיק – קלאַס און דער באָרגגרוב[ז]

מיט דזשענס הסכּמה בין איך מיט די האָב־און־גוטס אַרײַן אין אַ צווייטן צימער; ניט קיין פֿענצטער נאָר אויך ניט קיין טומל; איינער אַליין, אופֿאַ!

—

נאָך פֿרישטיק זײַנען מיר אַלע אַרײַן אינעם גרויסן קלאַסצימער, זיך צו לערנען וואָס מע טוט דאָ. אוי, אַזוי פֿיל פּרטים. "רב מלמד, מעג איך גיין? דער מוח איז מיר שוין אָנגעפּיקעוועט געוואָרן." איך האָף, אַז איך מיט די שותּפֿים (צוויי אָדער דרײַ אין יעדער גרופּע, פֿיר גרופּעס; איך הייב אָן אַרבעטן מיט פֿעליקס, וואָס דאַכט זיך מיר וועט זײַן גוט) וועלן קענען צוזאַמען געדענקען דאָס אַלץ. נאָכן אָנבײַסן גייען מיר שוין צום ערשטן מאָל אויף דער אַרבעט!

—

איך האָב זיך גוט אָנגעטאָן[ח] – ס'האָט געדויערט אַ 25 מינוט, זאָל זײַן גיכער מיט דער געניטונג. מע טוט אָן די אויסנווייניקסטע "שאָלעכצן" נאָר אינעם קאַלטצימער, אַנישט ווערט מען פֿאַרשוויצט, וואָס דאָס פֿירט צו פֿאַרקילונג.

איינס אַ זייגער אָנגעקומען אין דרויסן בײַ די שניימאַשינקעס און קאָמאַטיקס מיט די טאַנקען[ט]. טאַקע קאַלט! 20°- פֿ.־, 44°- אַרײַננעמענדיק דעם ווינט. דאָס גאַנצע געצײַג ליגט שוין אינעם טאָבאָגאַן צוגעבונדן הינטער פּיטס קאָמאַטיק. זיי פֿירן די מאַשינקעס און מיר "אַרבעטערס" פֿאָרן אין די טאַנקען. מיטן רוקן פֿאָרויס איז די קעלט פֿון ווינט אויסצוהאַלטן, נאָר אַפֿילו אַז מע פֿאָרט פּאַמעלעך, קען מען אָנווערן די נירן פֿונעם האָצקעדיקן פֿאָר. מע ווערט אַראָפּגעשלאָגן בײַ יעדער אומגלײַכקייט אויפֿן וועג.

נאָך צוואַנציק מינוט אויף דער באַרג־און־טאָל־באַן, זײַנען מיר אָנגעקומען בײַם באָרגגרוב. גאַנץ פֿאַרהילט אין אַזוי פֿיל קליידער, דער עיקר מיט די פּנימער באַדעקט, פֿרעגט מען כּסדר, "ווער ביסטו?", ביז מע האָט געקענט דערקענען די פֿאַרשיידענע מאַנטלען.

אין אַזאַ קעלט איז דער שניי אינטערעסאַנט: גאָר טרוקן, ווי זאַמד אָדער צוקער, אין גאַנצן אוממיגלעך צו מאַכן אַ שנייקויל. ער פֿינקלט שיין אויף דער זון און אַז מע טרעט אויף אים, גיט ער אַרויס אַ סקריפּען און פּישטשען, אַפֿילו דאָ און דאָרט – אַ שטילן דונער ווו ס'איז אונטן הויל.



**קאָמאַטיק און מאַנטלען מיט מענטשן אינעווייניק**

נו, שוין צײַט צו אַרבעטן. יעדע גרופּע דאַרף מאַכן און מעסטן צוויי שנייגריבער. פֿעליקס און איך האָבן זיך געביטן בײַ די גריבער. דער שניי דאָ איז האַרט אָבער נאָר אַ זעכצן צאָל אין דער טיף. מיר האָבן פֿיר טערמאָמעטערס צו מעסטן די טעמפּעראַטורן אַלע צוויי צאָלן פֿון דער ערד אַרויף, און אויך אין דער לופֿט און שניי־אייבערפֿלאַך. מוז מען אויך באַשליסן וויפֿל שיכטן שניי עס געפֿינען זיך אין דער וואַנט פֿון גרוב, און אין יעדן שיכט, וואָסערע קריסטאַלן עס זײַנען פֿאַראַן, ווי האַרט, און ווי געדיכט. דערצו האָבן מיר געניצט אַ "דורכדרינגער", אַ מעטאַלענע שפּיז; מע שלאָגט דאָס מיט געוויסע וואָגן פֿון געוויסע הייכן צו באַשטימען וויפֿל ענערגיע עס באַדאַרפֿט צו טרײַבן דאָס דרענגל פֿון אויבן ביז צו דער ערד. און סוף־כל־סוף נעמט מען עלף צילינדערס שניי, אָנצושרײַבן ווי טיף און ווי שווער יעדער איז; פֿינף פֿון זיי ברענגען מיר צוריק אין לאַבאָראַטאָריע; ווען זיי זײַנען צעשמאָלצן געוואָרן, מוז מען מעסטן אַנדערע אַספּעקטן פֿונעם וואַסער (מע רופֿט דאָס "פֿילטרירן").

בײַם אָנהייב דאַכט זיך, אַז אַ סך פֿון דער אַרבעט איז אַ ביסל סוביעקטיוו, בפֿרט וועגן די שיכטן און קריסטאַלן. האָב איך זיך אָנגעפֿרעגט בײַ פּיט, האָט ער

צוגעגעבן, אַז די דאַטן פֿונעם דאָזיקן אָרט זײַנען, דעם אמת געזאָגט, ניט זייער וויכטיק, איז דאָס גאָר אַ שטיקל גענִיטונג פֿאַר אונדז.

נאָך דעם ערשטן גרוב איז מײַן לינקער פֿוס קאַלט און אַ ביסל מאָדנע געוואָרן: ניט פֿאַרפֿרוירן נאָר "טעמפּ". אין דעם פֿוס איז די צירקולאַציע ניט אַזוי גוט. בין איך אַרומגעלאָפֿן אַ ווײַלע זיך צו וואַרעמען, וואָס דאָס העלפֿט אַ ביסל. איך בין טאַקע צופֿרידן וואָס איך בין ניט תּיכּף מגולגל געוואָרן אין אַ זײַל אײַז.

מיר האָבן געענדיקט די אַרבעט אָבער אונדזער שניימאַשינקע האָט ניט געוואָלט גיין. האָבן פּיט, קאָרי, פֿעליקס און איך דאָרט געוואַרט ביז די אַנדערע מאַשינקעס זײַנען צוריקגעקומען. בײַם וואַרטן האָבן מיר דערזען אַ טשאַטע שנייהינער, אפֿשר אַ טוץ, ווי ווײַסע קוישבאַלן (ד"ה, דאָס האָבן די אַנדערע די פֿייגל דערזען; מײַנע ברילן זײַנען געווען אין גאַנצן פֿאַרײַזיקט).



**שנייהינער**

צוריק אינעם צענטער האָב איך אַ קוק געטאָן אויפֿן לינקן פֿוס: די פֿינגער און פּיאַטע הינטן זײַנען געוואָרן ווײַס און טעמפּ אָבער נאָך אַלץ ווייך, ניט פֿאַרפֿרוירן. דעמאָלט האָב איך זיך ערשט דערוווּסט וועגן די פּעקלעך כעמישע הייצערלעך,

וואָס מע שטעקט זיי אַרײַן איבער די פֿינגער אין די שטיוול; האָב איך עטלעכע געקויפֿט, וועלן מיר זען אויב מיט זיי גייט שוין בעסער.

אין אָוונט האָבן מיר געדאַרפֿט קאָנטראָלירן די טערמאָמעטערס און אַרײַנקלאַפּן די אַלע מעסטונגען אין קאָמפּיוטער אַרײַן.

מאָרגן זאָל אָנקומען אַ זאַווערוכע אָבער אפֿשר וועלן מיר קענען אַרבעטן גיך אין דער פֿרי בײַם נאָענטן אָרט אויף דער אָפֿענער טונדרע. אוי! נאָך דעם וואָס איך האָב הײַנט איבערגעלעבט, איז שוין טאַקע צײַט אַהיימצופֿאָרן, ניין? נו, יעדער טאָג דאַרף האָבן זײַן ציטערניש.

<u>פֿרײַטיק – די זאַווערוכע</u>

קיינער גייט ניט אַרויס אין דרויסן (אַחוץ די דרײַ מענטשן וואָס אַרבעטן אויף אַ צווייטן פּראָיעקט, מיט אינסטרומענטן וואָס מעסטן אַלערליי אַספּעקטן פֿון דער אַטמאָספֿער און דעם וועטער; אַז מע מוז, ...). 21°-, נאָר אַ ביסל קעלטער ווי נעכטן אָבער עס בלאָזט אַ ווינט פֿון 25-40 מײַל אַ שעה; ניט קיין נײַער שניי: דער אַלטער דרייפֿט אינעם ווינט זייער שיין (אַרויסקוקנדיק דורך די פֿענצטער, פֿאַרשטייט זיך) אַהין און צוריק נאָענט צו דער ערד.

מיר איז גוט, וואָס מיר אײַלן זיך ניט פּונקט נאָכן פֿרישטיק אָנצוטאָן די אַלע קליידער, ווײַל הײַנט בין איך (מיט פֿעליקסן) אויף ק"פּ – קיך־פּאָליציאַנט. דער קוכער מיט די געהילפֿינס גרייטן די סעודות, אָבער מיר פּראָסטע לײַט בײַטן זיך זאַלבענאַנד בײַם וואַשן דאָס געפֿעס, אָפּווישן די טישן.

אָבער ס'זאָל ניט זײַן קיין רוטאָג – ס'איז אַ געלעגנהייט צו באַהאַנדלען די שניימוסטערן (שוין געוואָרן וואַסער־מוסטערן) פֿון נעכטן. מע גיסט דאָס וואַסער דורך פֿילטערס, אויסצוגעפֿינען די וואָג פֿון אַלץ וואָס איז געוועזן אינעם וואַסער, און אויך די זויערקייט און די עלעקטרישע דורכפֿירעוודיקייט פֿונעם וואַסער אַליין. מוז איך זאָגן, אַז אָפּט מאָל קען די וויסנשאַפֿט זײַן אַ ביסל נודנע. אָבער מיר האָבן געשאַפֿן עפּעס אַ מאָנטאַזש־ליניע, איז עס גיך געגאַנגען.

אויך האָב איך געהאָלפֿן מיט גרייטן מוסטערן פֿון היגע געוויקסן פֿאַרן הערבאַריום. און אַ ביסל געלייענט, געשריבן. געקויפֿט אַ לײַבל פֿון דער געשאַנקקראָם בײַם צענטער, אַ מתּנה פֿאַרן אייניקל.

נאָכן וואַרמעס האָט פּיט געהאַלטן אַ רעפֿעראַט וועגן דער אַרקטישער געאָמאָרפֿאָלאָגיע, די פֿאַרשיידענע מינים טערען וואָס געפֿינען זיך דאָ אין דער

ערד פֿון באַשטייִק־פֿראָסט: פֿראָסט־פֿילעקן, פּינגאָס, זומפּן, שטיינערקרײַזן, אאַז"וו. זייער אינטערעסאַנט. און דערנאָך אין בעט. מאָרגן האָבן מיר בדעה צו אַרבעטן בײַ אַן אויפֿווײַז פֿון אַן אַזוי־גערופֿענעם טאָרף־פֿילעק[י״א], ווו דער באַשטייִק־פֿראָסט פֿאַרגרעסערט זיך.

<u>שבת – די וואַקסנדיקע טאָרף־פֿילעקן און די טונדרע</u>

אין דער פֿרי זײַנען מיר געפֿאָרן צו די וואַקסנדיקע טאָרף־פֿילעקן; גוט וואָס ס'איז נאָענט צום צענטער. אַ שיטער וועלדל האָט געגעבן אַ שטיקל אָפּדאַך פֿונעם ווינט, אָבער ס'איז נאָך אַלץ אַ קאַלטער טאָג: -23° אָדער -51° אַרײַנרעכענענדיק דעם 15-מײַל-אַ-שעה-ווינט. מיט די באַהייץ־פּעקלעך אין די שטיוול איז אַלץ געווען גוט מיט די פֿיס. אין די טאָרף־פֿילעקן איז דער צענטער אויפֿגעהויבן, העכער ווי די קאַנטן, וואָס אין דער ערד אונטער זיי געפֿינען זיך אײַזקלינען[י״ב]. מיר האָבן אויסגעגראָבן צוויי גריבער אין מיטן און נאָך איינעם אויף אַ קאַנט. און דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב משתּין געווען אין דרויסן אין אַזאַ קעלט, האָב איך אָבער גאָרנישט ניט פֿאַרפֿרוירן.

נאָכן אָנבײַסן זײַנען מיר אַוועק אַרבעטן בײַם טונדרעאָרט, נאָר אַ צען מינוט אין די שליטנס. ס'איז געוואָרן אַ ביסל וואַרעמער: -17°. אין גאַנצן אָפּן צום ווינט, איז דער שניי האַרט און בלויז אַן אַכט צאָל אין דער טיף. די אַרבעט איז געווען גרינג און גיך פֿאַרטיק, בין איך אַרומגעגאַנגען, געקוקט אויף די גאָר שיינע פֿורעמס אינעם שניי, דורכן ווינט געמאַכט. פֿאַרפֿרוירענע כוואַליעס וואָס מע רופֿט זיי "סאַסטרוגי" האָבן באַדעקט די גאַנצע פֿלאַך. וועגן זיי, נאָר אין דעם אַנטאַרקטיק, האָב איך אָפֿט געהאַט געלייענט, אָבער קיין מאָל פֿריִער ניט געזען מיט די אייגענע אויגן. שיין אָנצוקוקן נאָר זייער שווער בײַם גיין.

אין אָוונט האָב איך געדאַרפֿט אָנשלײַפֿן די ציינער פֿון די פֿיר צילינדערס, וואָס מיט זיי שניטן מיר אויס די שניימוסטערן; מאָרגן וועלן מיר אַרבעטן אין אַן אָרט וואָס האָט האַרטע אײַזשיכטן אין מיטן שניי, לויט אַנאַ, אַן אויספֿאָרשערין אויך דאָ אין צענטער.

איך בין געזעסן נאָך דער אַרבעט אין עסצימער און זיך דורכגעשמועסט פּאָליטיק מיט עטלעכע אַנדערע, זײַנען אַלע (אַחוץ עדווין) מסכּים דערויף, אַז בוש איז אַ שטיקל ווילדגראָזל.



**סאַסטרוגי**

<u>זונטיק – דער זומפּ און די דעגראַדירטע טאָרף־פּילעקן</u>

אין דער פֿרי צום זומפּ – גוט וואָס אַלץ איז פֿאַרפֿרוירן. זומערצײַט וואָלט דאָס געווען אַ דורכגעווייקט שטיקל טונדרע. הײַנט אַ פֿופֿצן צאָל שניי. טעמפּעראַטור 20°-, אָבער ניט מער ווי אַ קליין ווינטל. פּיט בלײַבט אין בעט אין דער פֿרי מיט אַ קאַטער "וואָס גייט אַרום".

נאָך מיטאָג צו די דעגראַדירטע טאָרף־פּילעקן. פּיט פֿילט זיך בעסער. ניט ווי די טאָרף־פּילעקן נעכטן, זײַנען די אײַזקלינען אין די קאַנטן דאָ צעשמאָלצן געוואָרן און געוואָרן גאַרעס, אַרײַנגעזונקען און אָנגעפֿילט מיט טיפֿן שניי: 23 צאָל. אין די צוויי גריבער אין מיטן איז דער שניי בלויז צוויי צאָל אין דער טיף. איך מיט פֿעליקס, רוט, העטער זײַנען צוריק אין צענטער צו פֿוס, אפֿשר דרײַ־פֿערטל מײַל.

אָבער די פֿיס זײַנען געווען נאָך אַ מאָל קאַלט, ווי דעם ערשטן טאָג. צוריק אין שלאָפֿצימער האָב איך אַ קוק געטאָן אויף די געניצטע פעקלעך. ניט גוט, שוין

דרײַ יאָר נאָך דער אויסגיי־דאַטע. און כּמעט די אַלע איבעריקע דאָס זעלבע. האָב איך גערעדט מיט ליאַן, האָט זי מיר געגעבן נײַע.

דער קוכער דאָן האָט געמאַכט אַ געדישעכץ פֿון פּיזעמאָקס־פֿלייש: געשמאַק אָבער (לויט מײַן געשמאַק) ניט זייער ווײַט פֿון זופּנפֿלייש. אויך אַרקטיש־טשאַר, אַ מין גרויסע סטראָנגע, אויך געשמאַק. מיר האָבן אַלע געגעבן צו שטײַער פֿאַרן באַזונדערן עסן.

אַפֿילו מיטן ליכט פֿון דער לבֿנה, כּמעט אַ פֿולע, איז הײַנט בײַ נאַכט געווען אַ ברייט, שיין צפֿון־ליכט, בלאַס־גרין און ווײַס, שוועבנדיק אַהין און אַהער אין הימל. אָרײַען דער יעגער האָט העל געגלאַנצט. וואַרעם און באַקוועם דאָס אַלץ אָנצוקוקן פֿונעם קופּאָל אויפֿן דאַך.



**צפֿון־ליכט**

מאָרגן וועט זײַן אַ רוטאָג. אין דער פֿרי וועלן עטלעכע פֿון אונדז אויסבויען אַן שנייאיגלו, וועלן זיי פּרוּוון שלאָפֿן אין דרויסן. נאָך מיטאָג פֿאָרט די חבֿרה אין שטעטל אַרײַן, אין מוזיי און זיך אַרומצוקוקן. איך מיין, אַז איך וועל בלײַבן דאָ,

אָפּרוען, וואָס איך וויל: איך וועל דאָך פֿאַרברענגען צוויי טעג אין שטעטל איידער די באַן פֿאָרט אָפּ שבת.

<u>מאָנטיק – רוטאָג</u>

נאָכן פֿרישטיק האָט זיך אָנגעהויבן אַ פֿאַרמעסט צווישן עטלעכע פֿון אונדז וואָלונטירן (איך ניט – איך האָב נאָר אָנגעקוקט פֿון צײַט צו צײַט) און אַ טייל פֿונעם פּערסאָנאַל פֿון צענטער: וועלכע וועט זײַן די ערשטע גרופּע אויסצובויען אַן שנייאיגלו לעבן דעם צענטער, ווו ס'געפֿינט זיך אַ שטח מיטן ריכטיקן מין שניי. געוויינטלעך קענען צוויי אינויִט[17] דאָס אויפֿטאָן אין אַ צוויי שעה; בײַ אונדז האָט גאָר געדויערט דרײַ שעה און ביידע זײַנען נאָר האַלב געמאַכט: צוויי און אַ האַלב קערן אינעם ספּיראַל.

אַזוי מוז דאָס בלײַבן, ווײַל זיי אַלע פֿאָרן אין שטעטל צו זײַן טוריסטן. איך וועל דאָס טאָן שבת. איך האָב אַ ביסל געאַרבעט אין דער לאַבאָראַטאָריע מיטן פֿילטרירן. דערנאָך זיך אַוועקגעזעצט אין דער ביבליאָטעק, געלייענט, געשריבן.

פּיט איז צו זיך געקומען אָבער קריסטין איז קראַנק געוואָרן אויף דער ריי. זאָל עס ניט גיין ווײַטער! ליז איז אָפּגעפֿאָרן אַהיים הײַנט אין אָוונט – אַ ווילע אַרבעטאָרין.

הײַנט זײַנען מיר "געגאַנגען אין קינאָ", ד"ה זיך צוגעקוקט צו אַ ווידעאָ אויף דער טעלעוויזיע – דער דריטער "האַרי פּאָטער"־פֿילם. ס'איז מיר נאָך אַ מאָל געפֿעלן.

מאָרגן אַ נײַער אַרויסרוף, ווי איז צו מיר: אַ לאַנגער פֿאָר אין די קאָמאַטיקס, אַ פֿיר מײַל, 45 מינוט. מחמת דאָס איז צו ווײַט צו פֿאָרן אַהיים אויף אָנבײַסן, וועלן מיר בלײַבן אונטערן פֿרײַען הימל אַ גאַנצן טאָג. און דערצו, טיפֿער שניי צווישן די ביימער.

<u>דינסטיק – די צווילינג־אָזערעס</u>

נאָכן פֿרישטיק גאַמאַכט שניטקעס, טערמאָסן קאַווע און קאַקאַאָ, און אַרײַנגעקראָכן אינעם "מונדיר". ס'איז אַ היפּש ביסל ווײַט, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ערגעץ אין מיטן פֿאָרן, כּדי צו געניטן די פֿיס און אָנצוקוקן אַ פּאָר שנייהינער אין די קוסטעס. מע זעט קלאָר די נעץ פֿון זייערע שפּורן אינעם שניי צווישן די אַלע קוסטעס. זייער אַ שיינער טאָג, העל זוניק, אפֿשר וועל איך אים טאַקע איבערלעבן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז מע האָט ניט געקענט זען קיין סימן פֿון די טיף פֿאַרפֿרוירענע אָזערעס, אַחוץ ברייטע, גאָר גלײַכע שטחים אײַז, קוים באַדעקט מיט שניי אָדער גאָר נאַקעט, וואָס אויף זיי מאַכן די שניי־מאַשינקעס מיטן קאָמאַטיקס אַ גוואַלדיק טראַסקערײַ. ערשטנס אין דעם שוואַרץ־טענענבוים־זומפּ. אַ ווינטל פֿון אַן אַכט מײַל אַ שעה, -11°. צו וואַרעם פֿאַר דער פּנים־מאַסקע, ס'איז געווען אַ פֿאַרגעניגן צו קענען טראָגן די ברילן און זען.


דער מחבר אין מונדיר

זייער טיפֿער שניי! ביז די פּאָלקעס אין די טיפֿערע זאַווייען. 32 צאָל מער ווייניקער אין די צוויי גריבער. נאָכן אַרבעטן האָט דזשעני געמאַכט אַ שײַטערל, פֿריִער אויסגראָבנדיק אַ לאָך אינעם שניי ביז צו דער ערד אונטן (אַניט וואָלט דער פֿײַער זיך אַרײַנגעשמאָלצן אינעם שניי אַרײַן). גאָר באַקוועם, דאָס זיצן אויף אַ פּאָר אַראָפּגעפֿאַלענע ביימער, עסן, מיטן ריח פֿון האָלצרויך אין דער לופֿטן. מײַן טערמאָס האָט ניט געהאַלטן הייס דעם קאַקאָ – ס'האָט זיך ערגעץ צעשפּאָלטן, אָבער עס זײַנען געווען אַנדערע.

דערנאָך אַ קורצער פֿאָר צום פֿאַרברענט־טענענבוים־וואַלד. אַ האַרבער נאָר שיינער אויסבליק, ריי נאָך ריי דינע פֿאַרשוואַרצטע ביימערשטאַמען אַנטקעגן דעם פֿינקלדיקן ווײַסן שניי. נאָך וואַרעמער: -4°. נאָך דער אַרבעט האָבן איך און פֿעליקס אַרומגעוואָגלט, אָבער ס'איז זייער שווער אינעם טיפֿן שניי.

נו, דעם גאַנצן טאָג אין דרויסן – נישקשה. די פֿיס אויך גוט. ס'איז געווען, צום גליק, אַ וואַרעמער טאָג. ווי מע זאָגט, "ס'וואָלט געקענט זײַן ערגער."



**דער פֿאַרברענטער וואַלד**

די וואָס אַרבעטן דאָרט זײַנען אַן אינטערעסאַנטע כאַליאַסטרע. ליאַן האָט פֿריִער געאַרבאַט אויף וויסנשאַפֿטלעכע עקספּעדיציעס אין עלסמיר־אינדזל און אַנדערע ערטער ווײַט אויף צפֿון. די צוויי קוכער־געהילפֿינס, אַנאַ און דזשיין, זײַנען שוועסטער, פֿון אויסטראַליע. זיי וואָגלען איבער דער וועלט טון דאָס און יענס. איך וואָלט געווען מקנא אָבער בטבֿע בין איך קיין מאָל ניט געווען אַזוי "פּוס־פֿרײַ".

מאָרגן צו דעם נאָענטן אַזוי גערופֿענעם "ביימער־אינדזל" – ווײַט טיפֿערער שניי ווי הײַנט.

מיטוואָך – דער ביימער־אינדזל

אין מיטן פֿון דער ברייטער אָפֿענער טונדרע שטייט אַ וועלדעלע פֿון אַ טוץ טענענביימער, וואָס זיי האָבן צוגעכאַפּט צו זיך יעדן שטיקל געבלאָזענעם שניי. טאַקע טיף. אַנשטאָט די געוויינטלעכע פֿיר גרופּעס דאַרפֿן מיר מעסטן נאָר דרײַ גריבער אין דער פֿרי און נאָך צוויי נאָך מיטאָג. פֿעליקס, וואָס ער איז טאַקע אַ בעלן צו אַרבעטן, האָט אונדז פֿאַרשריבן פֿאַרן טיפֿסטן גרוב, וואָס ווײַזט זיך אויס

צו זײַן מער ווי נײַן פֿוס אין דער טיף. ער האָט געגנומען דעם רידל און וויפֿל מאָל איך האָב אים ערנצט געבעטן ער זאָל מיך לאָזן העלפֿן, האָט ער ווײַטער גערידלט. נו, מיר איז גוט. שפּעטער האָב איך אויסגעגראָבן צוויי גרויסע טרעפּ וואָס פֿירן אַרײַן אינעם גרוב.

גאָר אַ שיינער טאָג – 8°- און זוניק. אָבער אַ ווינטל; האָב איך אויסגעטאָן די פּנים־מאַסקע, אָנגעטאָן די זונברילן. מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער האָט מיר פֿעליקס געזאָגט, "דײַן נאָז איז ווײַס." איך האָב זי אָנגעוואַרעמט מיט אַ האַנט און באַדעקט דאָס פּנים מיטן שאַל. אין אָוונט האָב איך דערזען אַ קליין פּוכירל צווישן די נאָזלעכער – אַן אמת שטיקל אָפּפֿריר.

מיר האָבן געדאַרפֿט נעמען 56 טעמפּעראַטורן אין דער גרובוואַנט, האָבן די פֿיר טערמאָמעטערס געשפּרונגען זשאַבקע. ניצן דעם "דורכדרינגער" און נעמען די צילינדערס שניימוסטערן: דאָס איז געווען אינטערעסאַנט, ווײַל דער שניי איז אפֿשר צוויי מאָל אַזוי טיף ווי די דאָזיקע מכשירים זײַנען לאַנג. האָט מען זיי געדאַרפֿט אַרײַנטרײַבן אינעם שניי נאָענט צו דער גרובוואַנט ביזן צווייטן עק; דערנאָך שאַרט מען אַוועק דעם שניי פֿון דער וואַנט ביז ס'אַנטפּלעקט זיך דער מכשיר. דערנאָך קען מען זיי ווײַטער אַרײַנטרײַבן. און גרויסע זעק פֿאַר די שניימוסטערן.

פֿעליקס און איך זײַנען צוריקגעגאַנגען צו פֿוס אינעם צענטער, קוים אַ מײַל. נאָכן אָנבײַסן בין איך געבליבן אינעווייניק, אַרבעטן אין דער לאַבאָראַטאָריע, בשעת עטלעכע אַנדערע זײַנען צוריק צוםביימער־אינדזל צו מאַכן די געבליבענע צוויי גריבער. זיי זײַנען באַלד פֿאַרטיק און דערנאָך געאַרבעט נאָך אַ מאָל אויף די איגלוס. די וואָלונטירן האָבן יאָ פֿאַרענדיקט זייער איגלו – אויב ס'איז אַ ביסל קרום; מאָרגן וועלן פֿעליקס, רוט, און קייט איבערנעכטיקן אינעם שנייהויז.

אין אָוונט האָט פּיט געהאַלטן אַ רעפֿעראַט וועגן דער וועלט־וואַרעמונג. בלי־ספֿק איז די וועלט טאַקע געוואָרן וואַרעמער אויף אַ גראַד צוויי צעלזיוס, אפֿשר מער. ס'זײַנען אַוודאי געווען קעלטערע און וואַרעמערע פּעריאָדן זינט די וועלט האָט געהאַט וועטער, אָבער קיין מאָל פֿריִער אַזוי גיך אַ וואַרעמונג. אויך בלי־ספֿק, אַז דאָס איז צוליב מענטשישע אַקטיוויטעטן. ס'איז פּאָליטיש שווער צו באַהאַנדלען אָט דעם ענין, פֿאַרשטייט זיך. עדווין גלייבט אין גאַנצן ניט.

מאָרגן איז דער לעצטער אַרבעטטאָג, פֿרײַטיק פֿליִען די אַלע אַנדערע אָפּ און מײַן באַן פֿאָרט אָפּ שבתע־נאַכט. האָב איך זיך אָנגעבאָטן בלײַבן ביז פֿרײַטיק אין אָוונט (איך האָב געהאַט אַ האָטעל־רעזערוואַציע אין שטעטל), העלפֿן מיט דער

לאַבאָראַטאָריע־אַרבעט. נאָך בעסער: דזשען האָט געענטפֿערט, אַז אויב איך וויל, קען איך בלײַבן נאָך ביז שבת (באַצאָלן פֿאַרן עסן, אַוודאי). מיר איז גוט, איך בין ניט קיין יתום. האָב איך בטל געמאַכט דעם האָטעל.



**טיפֿער שניי אין דיביימער**

<u>דאָנערשטיק – ווײַס־טענענבוים־הויכלאַנד און דער פֿאַרפֿלאַנצטער וואַלד</u>

איבערגעלעבט! ניט וואָס ס'איז גרינג געוואָרן, אָבער גרינגער מיט דער צײַט, דאַכט זיך. נאָך אַ מאָל אַ לאַנגער פֿרעסטלדיקער פֿאָר צו די צווילינג-אָזערעס. טאַקע קאַלט אין דער פֿרי: ‎-29°, אָדער ‎-49° מיטן 15 מײַל אַ שעה ווינט.

קודם־כּל אַרבעטן מיר אויף דעם ווײַס־טענענבוים־הויכלאַנד, טיף שניי אינעם וואַלד, ביז איבער די קניִען. איך האָב אָנגעטאָן אַ פּאָר שניישיך (מיר האָבן געהאַט דרײַ פּאָר) און געהאָלפֿן צעטרעטן אַ סטעשקע פֿון די שליטנס צום אַרבעטסאָרט. אַ ביסל וואַרעמער, ‎-20°, און דער ווינט האָט זיך פֿאַרשטילט; ס'האָט מיר געפֿילט ניט אַזוי קאַלט, אפֿשר ווערט מען צו דער קעלט צוגעוווינט (דווקא איצט בײַם סוף אַרבעט). אַ שוואַכע זון האָט געשײַנט דורך די נעפּלדיקע וואָלקנס, מיט שטיקלעך בלאַס־בלאָען הימל דאָ און דאָרט. די גריבער זײַנען

געווען אַ פּוס צוויי אין דער טיף; די אונטערשטע שיכטן זײַנען געווען לויז און פּוכיק – עטלעכע מאָל אַז מע שטעקט אַרײַן אַ טערמאָמעטער אין גרובוואַנט, צעברעקלט זיך דער שניי, איז דער טערמאָמעטער אַראָפּגעפֿאַלן.

מיר האָבן געפֿונען אַ נאָענטן אָרט און געגעסן אָנבײַסן זיצנדיק אויף אַ פּאָר אַראָפּגעפֿאַלענע ביימערשטאַמען. ניט געמאַכט קיין שײַטערל. אין מיטן די טענענביימער האָבן זיך צעשפּרענקלט לערכנביימער (וואָס פֿאַרלירן די בלעטער אין האַרבסט, כאָטש זיי טראָגן שישקעס ווי אַנדערע נאָדלביימער).

אַ קורצער מהלך צום פֿאַרפֿלאַנצטן וואַלד, ד"ה אַ וואַלד וואָס איז פֿאַרברענט געוואָרן און מע האָט אים בכּיוון פֿאַרזייט מיט ביימערלעך, ניט וואַרטנדיק אויף דער נאַטור. דער לינקער פּוס איז מיר געווען אַ ביסל קאַלט אָבער אפֿשר אַ האַלבע שעה נאָכן אָנבײַסן איז מיר פּלוצעם וואַרעם געוואָרן, באַהייצט פֿונעם עסן; אפֿשר זאָל מען בעסער נאַשן ביסלעכווײַז כּסדר אַ גאַנצן טאָג בײַ דער אַרבעט. די גריבער זײַנען געווען אַ צאָל דרײַסיק אין דער טיף און די טעמפּעראַטור °23-.



**פֿאַרפֿרוירענע אָזערע**

אויפֿן וועג אַהיים זײַנען מיר געפֿאָרן אויף אַ זײַט זיך אַריבערצוכאַפּן צו דעם אַרבעטס־אָרט פֿון דער צווייטער פּראָיעקט – שמועסן מיט די פּאָר לײַט און אָנקוקן זייערע אינסטרומענט־טורעמס. ס'איז אַ ביסל קאָמיש, דאָס צוצוהערן זיך צו צוויי בעלי־מלאָכות, מבֿינים, וואָס זיי רעדן צעך, בפֿרט אַז זיי האָבן ליב אויסריכט און אַזעלכע "אײַזנוואַרג".

פֿאַרטיק! אַלץ אויפֿגעטאָן! אַ פֿאַרגעניגן! אַ מחיה! די אַלע צרות און דאגות זײַנען אַוועק, פֿאַרגעסן געוואָרן, פֿאַרשוווּנדן: אַ נאַרישע מענטשישע טבֿע. (אַניט וואָלט קין געווען אַ בן־יחיד.)

אין אָוונט זײַנען אָנגעקומען צוויי מענטשן מיט  צוויי טוץ קאַסטנס פּאַר זייער אַרבעט, וואָס זי זאָל ניט זײַן; וועל איך פֿרעגן. נאָך דער וועטשערע האָבן מיר פֿילטרירט אַ ווײַלע, געהאָלפֿן פֿון אַ שטיקל בראָנפֿן מיט אויסגעטריקנט רעניפֿער־, פּיזעמאָקס־ און טשאַר־פֿלייש.

מאָרגן געזעגנט זיך די חבֿרה. הײַנט שלאָפֿן פֿעליקס, רוט, און קייט אינעם איגלו. איך בין זיי ניט מקנא: אַ מאָל האָב איך פֿאַרבראַכט אַ נאַכט אין אַ קעלט פֿון 29°- פֿ., אין אַ געצעלט; אינטערעסאַנט, לאָמיך זאָגן, אָבער דאָס איז אַן אַנדער מעשׂה.

<u>פֿרײַטיק – זיי פֿאָרן אָפּ</u>

ס'איז אַזוי שטיל געוואָרן! די אַנדערע וואָלונטירן זײַנען אָפּגעפֿלויגן. נאָכן פֿרישטיק האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אין דרויסן פֿאַרן בנין צו לאָזן די וואָס האָבן פֿאָטאָ־אַפּאַראַטן נעמען בילדער פֿון דער גאַנצער חבֿרה. דערנאָך זיך געזעגנט און אַוועק אינעם אַעראָפּאָרט. ס'איז געווען אַ גוטע כאַליאַסטרע. אַרבעטן מיט פֿעליקסן איז מיר געווען אַ גוט שטיקל מזל.

די צוויי מענטשן וואָס זײַנען נעכטן אָנגעקומען וועלן דאָ בלײַבן דעם גאַנצן חודש; זיי אַרבעטן פֿאַר דער קאַנאַדישער רעגירונג, אויספֿאָרשן די נקבֿהדיקע ווײַסע בערן מיט זייערע נײַ־געבוירענע בערלעך, וואָס זיי האָבן זייערע קאַנורעס דאָ אין געגנט און הייבן אָן אַרויסצוקריכן אין די טעג. גאָר אַ סך אויסריכט, מיט אַ ביקס אויך, נאָר זי שיסט אײַנשטילעכצן, ניט קוילן.

איך האָב פֿילטרירט די מוסטערן וואַסער פֿון פֿיר גריבער. אויך האָב איך געקויפֿט אַ פּאָר קינדערביכלעך פֿאַרן אייניקל און ליקווידירט דעם חשבון מיטן צענטער. און געזעסן אַ ווײַלע אין דער ביבליאָטעק.

האַלב פֿיר בין איך אַוועק אויף אַ שפּאַציר מיט פּיט, ער האָט געדאַרפֿט אַראָפּלאָדן די דאַטן פֿון אַ רעקאָרדירקע וואָס "ווינט" אפֿשר אַ מײַל ווײַט אויף דער טונדרע. וואַרעם, ‎-11°, מיט אַ נידעריקער זון, נאָענט צום האָריזאָנט. ס'איז שיין, דאָס לאַנד, כאָטש מאָנאָטאָן, אַ פּוסטעניש, ביז מע קוקט נעענטער אויף אים. ס'האָט אַ כּוח וואָס מיט אים טאָר מען ניט ווערן אָפּגעלאָזן. קען מען זיך ניט אָנרופֿן "וואַרט, רעב ווינט! זײַט מיר ניט אַזוי קאַלט, לאָמיך ערשטנס געפֿינען דאָס אַוועקגעבלאָזענע קוליקל!"

ס'איז מיר טאַקע אַ וווּנדער, ווי די העלדן פֿון דער אַרקטישער אויספֿאָרשונג, ווי אַ שטייגער, דזשאָן ריי און סאַמיועל הערן, זײַנען אומעטום געגאַנגען אין אַרקטישן קאַנאַדע, צענדליקער מײַל אַ טאָג, חדושים לאַנג, יאָרן לאַנג, אין אַלע וועטערן, אַלע צײַטן פֿון יאָר, שלאָפֿן רוי אָדער אין אַ געצעלט, ניט קיין באַהייצטן בנין, מיט וואַרעמע הענט און פֿיס!



**אַ האַרב נאָר שיין לאַנד**

<u>שבת-זונטיק – מײַן וועג אַהיים</u>

אין דער פֿרי האָב איך פֿילטרירט די עטלעכע צוגעגרייטע וואַסער־מוסטערן און דערנאָך — אויס וויסנשאַפֿטלער! צוויי, דרײַ אַ זייגער נאָך מיטאָג פֿאָרט אַ באַנדע צענטער־אַרבעטערס אין שטעטל אַרײַן, וועלן זיי מיך מיטפֿירן צום וואָקזאַל. דערווײַל, פֿליִען אָפּ פּיט און די צוויי בערנמענטשן, זוכן בערן. האָב איך געהאָלפֿן אָנלאָדן דעם העליקאָפּטער, זיך געזעגנט מיר פּיט, און זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ פּאָר ביכער אין דעם ווינצימער, גאַנץ באַקוועם. אין דרויסן פּאָרען זיך אַ האַלבע טוץ שנייהינער אין די ביימער און אַרום די קוסטעס איבער דער גאַס.

אַ קליין שטיקל לשון־הרע אויפֿן וועג; ס'איז מיר לײַכטער אויפֿן האַרצן, וואָס איך בין ניט געווען דער איינציקער וואָס האַלט, אַז... איך האָב איבערגעלאָזט מײַן וועגלאַנטעך אינעם אויטאָ, וועלן זיי מיך טרעפֿן האַלב אַכט, פֿאַרן וואָקזאַל.

דער עסקימאָ־מוזיי איז זייער שיין – אינטערעסאַנטע און שיינע אַנטיקן. איך האָב געקויפֿט אַ וואָלן היטל, אַ ביכל אַ מתּנה, און אַ שיין בילדקאַרטל פֿון אַן אינוקסוק, אַ שטיינערנעם מענטשעלעך, פֿאַר אַ פּראַקטיקער שקיעה. די פּאָר אַנדערע קונסט־גאַלעריעס זײַנען געווען פֿאַרמאַכט, בין איך אַרײַן אין אַ שענק, גאָר ניט בטבֿע, אויב איך אַליין זאָג דאָס, זיך גוט דורכגעשמועסט מיטן באַרשענקער און אַ צווייטן טרינקער. נאָך צוויי בירס בין איך צוריק אין דרויסן, אַ ביסל פֿאַרשנאָשקעט, באַוווּנדערן די האַלבע טוץ וואָראָנעס, ריזיקע, וואָס פֿליִען אַהין און צוריק און שפּרינגען אונטער אויף דער גאַס, קראַקען. פֿינף אַ זייגער שײַנט שוואַך די זון איבערן טײַך דורך אַ דינער קאָלדרע וואָלקנס. צופֿיל געגעסן בײַם "צעגײַנער", און צוריק אין באַנסטאַנציע. אַ פֿערטל נאָך אַכט זײַנען זיי אָנגעקומען מיט מײַן באַגאַזש (אַרקטישע צײַט, מוז מען האַלטן קאָפּ). זיך וואַרעם געזעגנט, און אַרויף אין וואַגאָן.

צוזאַמען מיט אַ פֿערציק בחורעצן, ייִנגערע צענערלינגען, מיט אַ פּאָר עלטערן ווי באַלייטערס: צוויי האָקי־מאַנשאַפֿטן פֿון גילאַם און טאָמסאָן, שטעט 185 און 340 מײַלן פֿון טשויטשיל. ס'איז געווען אַ פֿאַרמעסט אין טשויטשיל, האָבן זיי ניט געוווּנען, אָבער אַ סך הנאה געהאַט. שרײַיִק אָבער העפֿלעך. וועלן זיי אַרויס מאָרגן אין דער פֿרי. מילא וואָס זיי הוליען, ס'איז שטיל דאָ, צוויי וואַגאָנען אויף הינטן. דער שלאָפֿוואַגאָן איז טאַקע פֿול, מוז איך שלאָפֿן מיטן גאַנצן פֿאַרמאָג אין געלעגער (ניט דעם וועגלאַנטעך, וואָס איך האָב אים אַוועקגעגעבן אין באַגאַזש, צום גליק).

אַן אײַנגעגנעמער טומל אין "וווינצימער־וואַגאָן": צוויי פּאָר עלטערן פֿון די האָקי־קינדער שמועסן, אַ טשויטשילער פֿרוי וואָס פֿאָרט קיין וויניפּעג אויף וואַקאַציע, צוויי עלטערע אינוויִטער פֿרויען שפּילן אין קאָרטן, און אַן אַמעריקאַנער פּאָרפֿאָלק, טוריסטן, אפֿשר אַ ביסל אָנגעבלאָזן. געלייענט און זיך אונטערגעהערט אַ ווײַלע און דערנאָך אין "געצעלט" שלאָפֿן.

—

גוט געשלאָפֿן, מיטן זייער אײַנגענעמען קליקיטי־קלאַק אין די אויערן און דעם וויגן.

ס'איז געווען קאָפּ אויף קאָפּ בײַם פֿרישטיק אינעם עסוואַגאָן, מיט אַ סך האָקי־שפּילערס און עטלעכע עלטערן. ס'איז מיר אינטערעסאַנט ווי אַ קינד וואָס וואַקסט אויף דאָ שאַפֿט זיך גאַנץ נאַטירלעך מיט דער קעלט. קיינער לויפֿט ניט אַרויס אין בלויזן העמד. די גילאַמער מאַנשאַפֿט איז שוין אַרויס זעקס אַ זייגער, די צווייטע בלײַבט ביז עלף.

ס'איז אַ ביסל קאָמיש ווי ס'שטייט בײַ יעדן רעלסן־איבערבײַט אַ בעזעם אַרײַנגעשטעקט אין שניי מיט די בערשטלהאָר אַרויף – מסתּמא אַרויסצושאַרן שניי פֿון צווישן די רעלסן וואָס מע באַוועגט זיי בײַם איבערבײַט. אַ צווייט מאָל אין אַ שעה האָב איך באַמערקט דעם געהילפֿמאַשיניסט, ווי ער שטייט לעבן די רעלסן קאָנטראָלירן די רעדער פֿאַר איבערגעהייצטע שרײַטל־געלעגערס בעת די באַן פֿאָרט פּאַמעלעך פֿאָרויס און צוריק. "פֿאַר וואָס אַזוי אָפֿט?", האָבן מיר זיך געפֿרעגט, ביז איינער האָט אויך באַמערקט אַז ער רייכערט אַ פּאַפּיראָס, וואָס איז "אָסור" אין באַן, אַפֿילו אין לאָקאָמאָטיוו.

זוניק, מיט פֿרישן שניי וואָס האָט באַדעקט די אַלטע חיה־שפּורן. אַ סך בערעזעס צווישן די טענענביימער. די בלאַסע לבֿנה, אַ פּאָר טעג נאָך דער גאַנץ. איבערגעפֿאָרן איבער טײַך נעלסאָן, ברייט מיט אָפֿענעם וואַסער אויףביידע זײַטן בריק. גלאַנציק ווײַס אין דער ווײַטנס, פֿאַרפֿרוירן און פֿאַרשנייט. עמעצער קומט פֿון פֿאָרנט און דערציילט ווי ס'איז געווען אַ וואָלף אויף די רעלסן; איך וואָלט געוואָלט דאָס זען. דורכגעפֿאָרן דורך צוויי שטעטלעך און דעם גרויסן פֿאַרברענטן וואַלד, מיט אַ סך גרינעביימערלעך צווישן די שטאַמען.

אַ פּאָרפֿאָלק פֿון אָנטאַריאָ, ער מאַכט ווי אַ פֿערדל מאַקעטבאַנען. און די פֿרוי וואָס פֿירט אַ "בעט־מיט־פֿרישטיק" אין טשויטשיל, אַ ווױלע, האָט געוווינט דאָ אַ צוואַנציק יאָר, פֿאָרט אויף וואַקאַציע קיין וויניפּעג. און די פּאָרפֿאָלק אַמעריקאַנער

טוריסטן וואָס פֿאָרן מיט דער באַן אומעטום אין צפֿון־אַמעריקע; זי איז אַ זיסע, ער אַן אָנגעבלאָזענער, ער ווייסט אַלצדינג, וואָס קען זײַן.

די נידעריקע זון שײַנט דורך די אַלטע גלעזערנע איזאָלאַטאָרן אויף די קאַפּויערדיקע סלופּעס, זייען זיי אויס ווי באַלײַכטע לאַמטערנס. מאָדנע, נאָר זייער שיין.

נאָך וועטשערע, לייענען און שרײַבן אַ ווײַלע און דערנאָך, אַרײַן אין בעט. מאָרגן קומען מיר צו פֿאָרן אין וויניפּעג, פֿלי איך אַהיים.

***




## קאַרטע

**PPA:** וואַקסנדיקע טאָרף־פֿילעקן
**FEN:** זומפּ
**BSB:** שוואַרץ־טענענבוים־זומפּ
**TIS:** ביימער־אינדזל
**PFR:** פֿאַרפֿלאַנצטער וואַלד

**BWP:** באָרגגראָב
**UTU:** טונדרע
**PPD:** דעגראַדירטע טאָרף־פֿילעקן
**BFR:** פֿאַרברענט־טענענבוים־וואַלד
**FOR:** ווײַס־טענענבוים־וואַלד

[א] ערדוואַך (Earthwatch) איז אַ פּריוואַטע אָרגאַניזאַציע באַזירט אין מאַסאַטשוסעטס, וואָס זי שטיצט אונטער פֿינאַנציעל און מיט וואָלונטירן וויסנשאַפֿטלעכע פּראָיעקטן אומעטום אויף דער וועלט. גיט אַ קוק אויף זייער וועבזײַטל: http://www.earthwatch.org

[ב] די דאָזיקע באַן וויגט זיך גאָר שטאַרקער ווי אַנדערע. די צפֿונדיקע העלפֿט ליגט אויף באַשטייִיק-פֿראָסט (permafrost), פֿאַרפֿרוירענע ערד, שטיינער, און טאָרף. זומערצײַט ווערט בלויז די אייבערפֿלאַך צעשמאָלצן, אַ גרויסער, ברייטער זומפּ; אונטן בלײַבט די ערד פֿאַרפֿרוירן אַ גאַנץ יאָר (איצט; מע רעדט ניט וועגן דעם עתיד). אַזאַ באָדן רופֿט מען "מוסקעג" ("muskeg”), און מע האָט געגעבן די אָ באַן־ליניע אַ צונעמעניש, "דער מוסקעג־עקספּרעס" (מילא וואָס זי פֿאָרט ניט גיכער ווי אַ פֿערציק מײַל אַ שעה). ס'איז זייער שווער צו לייגן און האַלטן די רעלסן גלײַך און גלאַט אויף אַזאַ באָדן.

[ג] בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז טשוטשיל געווען אַ גרעסערע שטאָט: ס'איז נאָענט צו ענגלאַנד און אייראָפּע אויף דער גרויס־קרײַז־רוטע און מע האָט טראַנספּאָרטירט גאָר אַ סך תּבֿואה פֿון צענטראַל־קאַנאַדע קיין ענגלאַנד, ניט קוקנדיק דערויף וואָס די הודסאָן־בוכטע בלײַבט באַדעקט מיט אײַז נײַן און אַ האַלב חדשים אַ יאָר. מע האַנדלט נאָך אַלץ מיט תּבֿואה, קען מען זען אַ ריי גרויסע שפּײַכלערס בײַם עק שטעטל, צווישן דער בוכטע און דעם טײַך טשוטשיל, אָבער ווייניקער ווי פֿריִער. הײַנט האַלט זיך אויס דאָס שטעטל מיט טוריסטן, פֿייגל־קוקערס און, דער עיקר, קוקערס אויף די ווײַסע בערן, וואָס קומען אין און אַרום דעם שטעטל אין האַרבסט.

[ד] Churchill Northern Research Centre, וואָס שטעלט ערדוואַך און אַנדערע פֿאָרשונג־פּראָיעקטן צו מיט אַ באַזע פֿאַר זייער אַרבעט אינעם געגנט. זיי האַלטן אויך "דערציִונג־וואַקאַציעס" פֿאַר פֿייגל־קוקערס, און אויך וועגן די בערן, דעם צפֿון־ליכט, און דעם ווינטער־איבערבלײַב. http://www.churchillmb.net/~cnsc/

[ה] אויף ענגליש, balaclava, אַ מין וואָלן היטל וואָס באַדעקט דעם קאָפּ, אויערן, פּנים, און נאַקן, מיט לעכער פֿאַר די אויגן.

[ו] די פּערסאָנאַל:

- פּיט (Pete): הויפּט־פֿאָרשער, פֿון דער אוניווערסיטעט אַלבערטע.
- עלינאָר (Eleanor): זײַן גראַדויִר־סטודענטקע. זי שטודירט ווי ביימערלעך שטופּן זיך אַרײַן ווײַטער אויף צפֿון (מאָדנע צו זאָגן, פֿילט זי שטאַרק די קעלט.
- דזשעני (Jennie): אויך זײַן גראַדויִר־סטודענטקע. איר אַרבעט האָט צו טאָן מיט "גערטנערײַ אויף זשוויר", ד"ה, ווי ביימערלעך און אַנדערע געוויקסן וואַקסן אויף די שטיינערנע ערטער.
- דזשען (Jen) און ליאַן (LeeAnn): מיטאַרבעטערינס בײַם צענטער, האָבן זיי געהאָלפֿן מיט אונדזער פּראָיעקט (און די אַנדערע).
- העטער (Heather): אויך אַ מיטאַרבעטערין בײַם צענטער, מיט ביוראָקראַטישע ענינים.
- דאָן (Don): דער קוכער בײַם צענטער, און אַ גוטער, ברייטהאַרציקער – קיינער הונגערט ניט.
- אַנאַ (Anna) און דזשיין (Jane): פֿון אויסטראַליע. דעם קוכערס געהילפֿינס. זיי האָבן אַ מאָל אָנטייל גענומען אין דער אַרבעט, מעסטן שניי.
- ליז (Lis): פֿון מאַסאַטשוסעטס. זי אַרבעט אין ערדוואַך, האָט געוואָלט זען פֿאַר זיך ווי ס'גייט אויף אַן עקספּעדיציע.
- עדווין (Edwin): פֿון טענעסי. אַ פּענסיאָנירטער אָפּטישער אינזשעניר. ~~איך האָב אים פּריוואַט געגעבן אַ צונעמעניש, "טויטן באַנקעס", און דערמיט זאָל איך שווײַגן. מוז איך אים אָבער אָפּגעבן כּבֿוד, וואָס ער האָט געטאָן וואָס ער קען, אָן שום קרעכצן.~~
- קריסטין (Kristin): פֿון קאַליפֿאָרניע. אַ קאָמפּיוטער־פּראָגראַמירקע. אַ פּאָר טעג האָט זי זיך פֿאַרקילט, האָט אויפֿגעטאָן אַ סך אַרבעט אין דער לאַבאָראַטאָריע.
- קייט (Kate): פֿון אויסטראַליע. וווינט איצט אין לאָנדאָן.
- בעריש (Barry): פֿון מאַסאַטשוסעטס. דאָס בין איך, אַן אויסגעוועפּטער קאָמפּיוטער־פּראָגראַמירער.
- רות (Ruth): פֿון ווערמאָנט. אַ שילערין אין מיטלשול. זייער אַ קלוגע, פֿעיִקע. מע האָט זי געהאַלטן פֿאַר גאָר עלטער.
- פֿעליקס (Felix): פֿון דײַטשלאַנד. געשעפֿט־קאָנסולטאַנט. אַ קלוגער, פֿעיִקער, מיט אַ גוטן הומאָר.
- קאָרי (Cory): פֿון מאַסאַטשוסעץ. אַ מיטלשול־פֿיזיק־לערער.

אין עלטער איז רות געווען די ייִנגסטע, אַ צענערלינג; עדווין און איך, די עלטסטע, אין די זעקסיקער. די אַנדערע, ערגעץ ווו אין מיטן.

[ז] borrow pit: אַ גרוב פֿון וואַנען מע נעמט זשוויר און שטיינער צו בויען וועגן.

**ח** וואָס האָב איך געטראָגן?

- די פֿיס: דינע זאָקן און גראָבע וואָלענע זאָקן, אינסולירטע שטיוול. האָב איך זיך גיך דערוווּסט פֿון די פּעקלעך כעמישע הייצערלעך וואָס מע שטעקט זיי אַרײַן אין די שטיוול, צו האַלטן וואַרעם די פֿיס.
- אונטן: אונטערהויזן, לאַנגע־אונטערוועש־הויזן, גראָבע וואָלענע הויזן, ווינט־הויזן, הויכע קאַמאַשן.
- אויבן: לאַנגע־אונטערוועש־העמד, אַ דיקערער אונטערוועש־העמד, וואָלענער העמד, אַ דיקע "פֿעל", און לסוף אַן אַנאָראַק (אַ ביסל שטילנע).

- קאָפּ: באַלאַקלאַוואַ אָדער פּנים־מאַסקע מיט אַ וואָלן היטל, דער אַנאָראַק־קאָפּטער, אַ שאַל אַרום האַלדז; זונברילן אָדער קוקערס, אָבער געוויינטלעך ווערן זיי פֿאַרנעפּלט.
- הענט: דינע הענטשקעס, וואָלענע קוליקלעך, איבערקוליקלעך.

אין די שפּעטערע טעג, וואָס זײַנען געווען אַ ביסל וואַרעמער, האָב איך געעפֿנט צי אויסגעטאָן אַ וואַרשט צוויי. ס'איז וויכטיק מע זאָל ניט שוויצן.

[ט] komatik: אינויִט־שליטן, פֿון האָלץ, מיט די ברעטער צוגעבונדן מיט רימענס, ניט קיין שרויפֿן צי נעגל, דער שליטן גופֿא זאָל בלײַבן בייגעוודיק, זיך ניט צעברעכן אויף דעם ערשטן אומגלײַכקייט ווו מע פֿאָרט. יעדער קאָמאַטיק האָט צוגעבונדן צו זיך זײַן טאַנק, וואָס איז אַ דיכטענער קאַסטן, אָפֿן בײַם אויבן, דרײַ פֿוס אין דער ברייט און אין דער הייך, אַכט אין דער לענג.

[י] אין קאַנאַדע און אין וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט זאָל דאָס זײַן אין צעלסיוס, אָבער דאָ אין לאַנד וועל איך דאָס אַלץ טאָן אין די אַלטע "ענגלישע" איינסן, טעמפּעראַטורן אין פֿאַרנהײַט, אאז"וו.

[יא] די פֿילעקן ווערן פֿאָרמירט דורך טויזנטער ציקלען פֿון פֿרירן און שמעלצן. אַ פּינגאָ איז אַ קליין בערגעלע מיט אַ יאָדער אײַז.

[יב] מיט די ענלעכע שטיינער־קרײַזן (אָדער שטיינער־פֿילעקן) און פֿראָסט־פֿילעקן זײַנען די קאַנטן העכער, פֿון שטיינער געמאַכט.

[יג] "אינויִט" איז טײַטש "מענטשן" אויף אינוקטיטוט, דאָס לשון פֿון דעם סאַמע צפֿונדיקסטן פֿאָלק. איין "מענטש" איז אַן "אינוק". וועגן איגלוס, איז אַן "איגלו" פּשוט אַ "הויז", ניט נאָר דער באַוווּסטער קופּאָל געמאַכט פֿון שניי. שניי־איגלוס ניצט מען נאָר אויף אַ נאַכט צוויי אָדער בעת אַ שטורעם אַז מע גייט אויף געיעג. ווינטערצײַט פֿלעגט מען וווינען אין טאָרפֿהײַזער, און זומערצײַט – געצעלטן.

======================
Picture credits: All by Felix Danneger except Sastrugi (Pete Kershaw) and The Author in Uniform (LeeAnn Fishback)
Copyright © 2005 Barry Goldstein
8/25/2005 2:24:00 PM
Churchill-Y.doc